מכון טעמו וראו
גילוי רצון ה' למעשה

# טעמו וראו

הערליכע לערנבארע שמועסן
פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

• גיליון ט"ו פרשת שופטים - תשע"ט •


## 'עליך מלך' - יעדער איינער א קעניג אויף זיך

אין פרשת שופטים איז דא א סוגיא וואס רופט זיך שום תשים עליך מלך. כי תבוא אל הארץ אשר ה' אלקיך נותן לך שום תשים עליך מלך. און די אלע הלכות פון א מלך. אלע יסודות פון א מלך.

אונז דארפן דאך זוכן א וואו טרעפן אונז זיך ביי די זאך.

### *אין מלך בלא עם*

די ערשטע יסוד וואס אונז מוזן וויסן וואס איז דאס מלך. וואס מאכט א מלך. נארמאל קוקט אויס א מלך זיצט פארמאכט אין א צימער און ער איז טאקע דער גרויסער מלך, אבער וואס טוהט ער? ווי אזוי ווערט געבויעט דער מושג פון א מלך.

אונז וויסן לב מלכים ושרים ביד ה' (ע"פ משלי כא, א), ס'האט עפעס מיט א לב, אזוי ווי עפעס די הארץ פון דעם פאלק, ווי אזוי ארבעט עס?

א מלך ווערט געבויעט, ווי אלע חסידי'שע ספרים ברענגען אראפ אז אין מלך בלא עם (ע"פ פרקי דרבי אליעזר פרק ג), די פשוט'ע מענטשן זענען ממליך דעם מלך און מיט דעם ווערט ער א מלך. א מענטש וועט האבן א גרויסן וואלד און ער וועט זיין א מלך אויף די בוימער, ס'איז גארנישט. ס'דארף זיין מענטשן וואס זענען ממליך אלץ מלך.

יעצט, די נקודה פון דעם מלך איז, אז אלע באמת ווערן צאמגענומען אונטער זיין מלכות. - למשל, היינט איז דאס נישטא בכלל כמעט אזא מושג ווייל היינט ווערט געקליבן א מענטש, נישט קיין מלך, נאר ווייל ער איז דער ערשטער נומער גייען אלע מענטשן אין זיין ממשלה. אבער באמת איז ער נישט קיין מלך - אבער באמת דער מלך אפי' ס'איז דא איין שר וואס ער איז אויף די מיליטער, איין שר אויף די כלכלה, אויף די געלט, איינער אויף די געזונט. ס'אויכעט דא א שר אויף ריינקייט, ער דארף ראמען שמוץ. מיט דעם וואס יעדער איינער האט זיין תפקיד זענען זיי אלע אבער אונטער דער מלך וואס ער איז אויף אלעמען. און ער איז אויף זיי און ער האט אויכעט א ווארט אויף זיי. ער האט א ווארט אויף זיינע מענטשן ער קען זאגן א מענטש וואס ער וואוינט דא - גיי אריבער וואוינען דארט, עד כדי כך דער לשון פון חז"ל איז אז ער קען אפילו הרג'ענען. ער האט א כח, ווען איינער איז א מורד במלכות, ער האט נישט געפאלגט, ער איז נישט אריבער וואוינען, ער זאגט: איך פאלג נישט! קען ער אים הרג'ענען.

מלכות איז אויכעט א זאך וואס גייט אריבער פון א טאט'ן צו א זון, אזוי טרעפט מען אין די תורה אויכעט. און אין איין פלאץ איז דא א מלכות רופט זיך מלכות אדום רופט זיך עס מלך בזוי (עובדיה א, ב וראה עבודה זרה י, א), ס'איז דאך דא א ספר ביי די נביאים וואס רופט זיך עובדיה, און ספר עובדיה פארעט זיך שטארק מיט מלכות אדום און ער רופט עס מלך בזוי ווייל ס'גייט נישט אריבער צו א זון.

יעצט, קומט אויס אז דער מלכות איז א זאך וואס נעמט צאם אלע כוחות, און ס'איז אויכעט מגלה די קומענדיגע כוחות.

אזוי ווי מ'האט געהאט מסביר געווען אויף שבועות, אז אונז קומען בתור כלה צו הקב"ה. אזוי ווי א כלה באקומט אלע כוחות פון דעם מאן, די געלט, שטעלט אויף די דורות א.א.וו. לטובת דעם מאן, און מיט דעם וואס זי בויעט דעם מלכות פון דער מאן איז זי די כלה פון דעם מאן. אונז באקומען די תורה מיט די מצוות, און מ'פאלגט דעם אויבערשטן און מ'איז מגלה דעם אויבערשטן'ס רצון.

סאיז דא נאך א נקודה א אינטערעסאנטע זאך וואס דער כח וואס א מלך נעמט אלעמען צאם.

איך האב געברענגט אויף דעם זייער א שיינע משל אז דער מציאות איז אז ווען א מענטש לעבט אן א ווייב איז שרוי בלא חומה (יבמות סב, ב), אסאך זאכן, וואס איז? ער איז צופליגן, ער קען זיין יעדע שבת אין גאנץ קצוות תבל, ער מוז נישט זיין אין א פלאץ, זיין שפע פון פרנסה מיט זיינע כוחות קען ווערן צושפרייט, און ס'צושפרייט זיך. די מינוט וואס ער זאגט הרי את מקודשת און זיין שפע פרנסה דארף קומען צו די ווייב, ער וואוינט דארט, ער איז שוין נישט... בפועל ווערט צאמגענומען זיינע אלע

כוחות, די התגלות פון זיינע כוחות, התגלות פון זיין חסד, התגלות פון זיין גבורה, התגלות פון זיין שפע וועט ווערן צאמגענומען אויף א פלאץ וואס זי נעמט צאם זיינע אלע כוחות.

### *מח שליט על הלב און נישט ח"ו פארקערט*

ס'איז ידוע, אריז'ינער ווארט, אז דאס וואס בלק מיט בלעם האבן געוואלט זאגן **כלם**, איז ר"ת **כ**'בד, **ל**'ב, **מ**'ח:

**כבד**, איז כח הנפש, ס'איז די קלענסטער כוח פון א מענטש. **לב** איז רוח, און **מח** איז נשמה.

נארמאל דארף א מענטש זאל שולט זיין דער מח זאל זיין שליט על הלב, און דער לב אויפן כבד.

ער האט געוואלט פארקערט, און אונז ווילן זיין א בחינת **מלך** - **מ**'ח, **ל**'ב און **כ**'בד. דער מח זאל שולט זיין אויף די תאוות שבלב, און אויפן כבד, אויף די כבדות, אויף די נידעריגערער חלק דער מער ארציים.

### *שום תשים 'עליך' מלך*

וואס אונז ווילן צוקומען למעשה איז, אז א מענטש זאל וויסן, שום תשים עליך מלך אויף זיך אליין. ס'איז דא א באוואוסטע שיחה א לאנגע שיחה פון ר' חיים שמואלביץ וואס זאגט אז א מענטש קען מולך זיין, דאס הייסט נקודת מלכות איז א סארט חיה, דער כח פון מולך זיין. אבער מ'וועט גיין צו די זאך, צו דעם חלק פון ווי אונז זענען מגלה דעם מלכות, שפעטער וועט מען גיין צו די נקודה אליין.

מצד אחד, זענען אונז א מלכות פארן אויבערשטן, אז אונז זענען מגלה זיין רצון, אזוי ווי אונז האבן גערעדט. די צווייטע זאך איז דא נאך א מורא'דיגע נקודה, יא, אונז נעמען צאם אלע כוחות פון כביכול הקב"ה וואס ווערט נתגלה אויף די וועלט. ווייל די גאנצע וועלט שטייט וועגן דעם איד, און די אידן זענען מגלה דעם אויבערשטן.

ס'איז דא א באוואוסטער נפש החיים, אז אלע עולמות העליונים והתחתונים זענען תלוי אין די מעשה פון דעם איד, טאמער ער איז עוסק אין תורה ומצוות באקומען אלע גויים זייער שפע ווי ס'דארף צו זיין, און דער שפע צום סוף קומט עס צוריק צו די אידן א.א.וו.. און ח"ו ווי שוואכער דער איד איז איז דער שפע גייט אנדערש אויף די וועלט.

קומט אויס, די אלע גוטע השפעות אויף די וועלט איז תלוי אין דעם איד.

וואס קומט ארויס, אז א איד דארף וויסן, שום תשים עליך מלך, דו אליין ביסט א מלך, בחינת מלכות, געגומען מלכות, און שולט זיין אויף זיך. שולט זיין אויף דיינע מידות, האסט מידות?

דרך אגב צו עס פארשטיין א טראפ וואס הייסט מידות, מידות איז דער טייטש מאסן. פארוואס רופט מען עס מאסן? רוף עס כעס, גאוה, ניין. די כעס מיט די גאוה דאס איז דער נפש. אין דעם נפש קאכט כל מיני זאכן, פון כבד, פון דעם לב קומט ארויס כל מיני סארטן תכונות וואס מ'דארף עס האבן מיט א מאס. צו ווינציג איז נישט גוט, צו פול איז נישט גוט. יעדער זאך דארפסטו האבן מיט א מידה פונקט וויפיל דאס איז. דעמאלס ניצטו עס ריכטיג. אז דו האסט א מלוכה, איז די מידות אוועק געשטעלט, יעדער זאך ניצטו אויפן ריכטיגן מאס. נישט צו פיל כעס, נישט צו פיל קמצנות, נישט צו פיל, יעדער זאך אוועק געשטעלט ריכטיג.

### *א האר אויף זיך אליין*

מ'וועט עס אביסאלע פארשטיין מיט א מעשה, ס'איז געווען איינער פון די ריז'ינער אייניקלאך, איינע פון די רבי'ס אין דער היים, און דארטן האט מען גערופן אין דער היים האט מען גערופן א רבי א ראבינער. און דעם ריז'ינער אייניקל האט מען גערופן א וואונדערליכער ראבינער. און דער פריץ האט אים געטראפן און ער פרעגט אים וואס הייסט עס א וואונדערליכער ראבינער, פארוואס רופט מען דיר א וואונדערליכער ראבינער? האט ער געענטפערט זייער א שיינע תשובה. זאגט ער, ס'איז דא א ראבינער אויף זיין געגנט, ס'איז דא אויף זיין שטאט, אויף זיין לאנד, א גרויסער ראבינער. א וואונדערליכער ראבינער הייסט איינער וואס איז א ראבינער אויף זיך אליין. איינער וואס ער איז א שולט אויף זיך. ער פירט זיך גוט.

ווי ס'ווערט זייער שיין איינגעטייטשט אין די גמרא (ברכות כז, ב) ר' אליעזר בן עזריה ווען מ'איז אים געקומען זאגן ער זאל ווערן א נשיא פון ישיבה, האט ער געזאגט אלך ואימלך עם ביתי, איך וועל אהיים גיין פרעגן מיין שטוב. פרעגט זיך א קשיא: די ווייב וועט מחליט זיין צו ער קען זיין ראש ישיבה צו נישט?

האט דער פני מנחם אמאל געזאגט בשם חסידים, אז נישט ער גייט פרעגן, אלך ואימלך עם ביתי איז דער טייטש איך גיי קוקן, לאמיר זעהן אויב אין שטוב בין איך טאקע שולט אויף מיר? איך פיר? אין מיין הנהגה ביתית האב איך א כח הנהגה, איך בין שולט? וועל איך קענען אויכעט פירן אנדערע. אבער טאמער איך מיר אליין קען זיך נישט פירן, ווי גיי איך פירן א צווייטן?

### *די נקודה אויף למעשה*

היוצא מכל זה, א איד דארף וויסן ער איז א מלך. אויף זיך. שום תשים עליך מלך, אויף דיר אליין, האסט א נקודת מלך. דארפסט וויסן, צאמנעמען דיינע כוחות, און פון די צווייטע זייט עס פירן. צאמנעמען דיינע מידות און דו האסט אינטרעסאנטע מידות אין דיר. האסט דער חלק אזוי ווי אין יעדער מדינה איז דא, אין יעדער מלוכה איז דא איינער וואס ער איז דער אחראי אויף די כלכלה, און איינער אויף דעם, און איינער אויף ראמען די מיסט. אלעס. אבער ס'דארף זיך פירן מיט א ריכטיגער סדר.

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן מיט דעם וואס אונז ווערן זיין שום תשים עליך מלך, אונזער מלך, וועלן אונז באמת מגלה זיין מלכותו ברצון קבלו עליהם, מלכות שמים וועט נתגלה ווערן אויף די וועלט.

# דער באדייט פונעם שופר פון חודש אלול

מנהג ישראל ווי ס'ווערט געברענגט אז יעדן טאג פון חודש אלול נאכן דאווענען שחרית בלאזט מען אין שופר. אין דער שמועס ווערן מיר צוזאמען נעמען, וואס מיינט דער בלאז פונעם שופר? און וואס דארפן מיר ארויס נעמען פון דעם למעשה.

***שופר - עורו ישינים משנתכם!***

באמת, דער שופר, ווען א מענטש שטייט און ער בלאזט אין א שופר - למעשה רעדט ער א גאנצע דרשה. ער בלאזט נאר איין קול, אבער דער קול איז א דרשה!

אין אלע ספרים, חסידי'שע, בעלי מוסר, און אפילו אין די ספרי ראשונים אויכעט, טרעפן מיר דעם רמז פונעם שופר "עורו ישנים משנתכם" (רמב"ם תשובה ג, ד) דאס איז "היתקע שופר בעיר והעם לא יחרדו" (עיי' עמוס ג, ו). וואס מיינט דאס?

דער געדאנק איז: למשל - ס'איז דא א שטעטעלע, און ס'איז דא א הויכער טורעם וואס דארט'ן שטייט דעם שומר פון דעם שטעטל, און ער קוקט צו ס'קומען נישט קיין גזלנים. און ער האט א שטארקע טראמפייטער, א שטארקע שופר און ווען ער זעט - און אפילו אויב ער האט אפילו נאר א חשש - אז ס'קומט אן א קבוצה גזלנים נעמט ער דער פייפער, און ער געט א גוטע פייף, און אין א מינוט ווייסט יעדער איינער אין שטאט וואס מ'דארף טוען. דער וואס דארף גיין צו א מלחמה - לויפט ארויס אין מלחמה. דער וואס דארף זיך בהאלטן - בהאלט זיך. דער וואס דארף פארשליסן טויערן - פארשליסט טויערן.

אין איין מינוט, ממש אין געצעלטע סקונדעס, ווייסט יעדער איינער וואס צו טוען.

***יעדער איינער פארשטייט עפעס אנדערש***

מ'זאל נישט געפריווט ווערן - ס'איז דא דא אין ארץ ישראל פלעצער, וואס ס'איז א מילתא דשכיחא די פייף, און אין גאנץ א"י האט מען עס שוין געהערט, נישט איין מאהל און נישט צען מאהל, ס'גיט א פייף, ווייסט יעדער איינער אז ער דארף לויפן אין א צימער, א מלחמה צימער, זיין פארמאכט - א ים מיט הלכות וואס אין סקונדעס ווערט אלעס גימאכט, ממש אין ווינציגער ווי א מינוט, ווייל ער ווייסט ס'איז פיקוח נפש, ס'איז נישט קיין חכמה.

די זעלבע זאך, אין די שופר ליגט אסאך זאכן. למשל, ס'פייפט שש תקיעות פון ערב שבת, סגירת חנויות, אזוי ווי מ'טרעפט אין משנה (שבת לה, ב). ס'איז דא כל מיני זאכן וואס דער זאך רעדט. אבער, ס'איז זעהר וויכטיג צו וויסן, וואס מ'וועט מיר אויסלערנען אז דאס מיינט דער פייף - וועל איך גלייך פארשטיין אז דאס מיינט דאס.

איך וועל ברענגען א ביישפיל, ס'איז צוזאמגעקומען אין א שטאט, איינער פון פולין, איינער פון סיביר א.א.וו. - צוזאמגעקומען 5 מענטשן פון א פאר מדינות. און דארטן אין שטאט איז געווען, אז ווען ס'פייפט די פייף איז א טייטש אז ס'איז דא א מלחמה.

אבער, א אינטערעסאנטע מעשה, די 5 זענען געזעצן ביי א טיש, אין ס'האט אנגעהויבן פייפן. רופט זיך אן איינער: "איך האב נישט געוואוסט אז דא אין געגנט איז דא א באן", וויל ביי זיי די באן איז דאס די סימן פון דייע פייף.

דער צווייטער זאגט: "וואס איז דאס, דער בית המלוכה איז אין א נאנטע פלאץ? ביי אונז ביי די בית המלוכה פייפט דאס פייף".

דער דריטער זאגט: "איך האב נישט געוואוסט, אן אנדערע זאך, אז ביי זיי, ווען ס'איז דא די און די פייף איז א סימן אז ס'האט פאסירט די זאך...".

און יעדער איינער, אנדערע זאכן.

איינער האט געזאגט: "אוי דאס איז א סימן אויף א מלחמה", ווייל ביי זיי אין פלאץ איז דער פייף א סימן אויף א מלחמה.

דער אמת, דער וואס האט געפייפט האט געגעבן איין פייף. אבער יעדער איינער האט געהערט אן אנדערע דרשה, ווייל אים האט מען אויסגעלערנט אז ביי אזא פייף מיינט די דרשה - הערט ער אן אנדערע שפראך, ער הערט אן אנדערע זאך, ער הערט אן אנדערע נקודה.

***ערוועקן דעם פארשלאפנקייט פונעם נפש***

קומט אויס, אז מ'דארף קענען די שפראך וואס באווייזט דער פייף, דאס איז איין זאך.

דער מושג פון "עורו ישנים משנתכם". "ישנים משנתכם" - א מענטש, ווען ער שלאפט זיין גאנצע גוף איז דא, אלעס ארבעט. נאר דער חלק איז דער מוח איז פארשלאפן, די חושים זענען פארשלאפן, די כלי העיכול ארבעט נישט - אבער די גאנצע גוף - דער מענטש לעבט. די מענטש איז נישט בלי הכרה, ער לעבט. זיין שמיעה איז זייער שוואך, אבער ווען די זאגסט זיין נאמען - וועקסטו אים אויף. רירסט אים אן - חוש המישוש, וועסט אים אויפוועקן. קענסט אים צוריק ברענגען.

אבער, וואס איז דער הבדל? אז ווען ער איז אויף, זעהט ער וואס טוט זיך ארום אים, ער הערט, און זעהט, ער איז צוגעטשעפעט צו די גאנצע זאך ארום אים. ער ווערט דערוועקט.

די זעלבע זאך, אין נפש, ס'איז דא א מענטש, ער דרייט זיך און פריידט זיך, אבער זיין נפש שלאפט יעצט. מ'דארף אים אויפוועקן! זיין נפש דארף הערן, זיין נפש דארף זעהן, זיין נפש דארף שפירן, מ'דארף אויפוועקן זיין נפש.

דאס איז אויפוועקן, איינע פון די זאכן וואס וועקט אויף דעם נפש, איז ספרי מוסר, חסידות. מ'דארף נעמען כלים און אויפוועקן דעם חלק הנפש. ס'איז זייער חשוב!

### *שופר - מכסא דין לכסא רחמים*

אבער, צו עס בעסער פארשטיין, וועט מען צולייגן א נקודה. ידוע, דער אר"י הק' ביי די כוונות לשופר, איז מבאר אז דער ווארט שופר איז צאמגישטעלט פון צוויי ווערטער: שׁוֹ, מיט פָּר. פר - איז דער ענין פון דינים. שו - איז בגימטריא: דבש, דאס מיינט אז מיר זענען ממתיק די דינים דורכ'ן בלאזן שופר.

אזוי ווי מיר וייסן דער יסוד, אז ביז שופר, כביכול, הקב"ה זיצט אויף כסא דין. נאך שופר, טוישט ער כביכול פון כסא דין לכסא רחמים - ס'איז ממתיק די זאך.

וואס הייסט א שופר איז ממתיק די זאך? און וואס איז דא די המתקה?

אבער, אונז ווילן דא רעדן נאך: 'וואס רעדט די שופר?' מ'רעדט נאך פון די שופר פון אלול, נישט פון ר"ה, וואס מ'איז ממליך דעם אויבערשט'ן. דער שופר פון ר"ה איז נאך אסאך א טיפערע נקודה.

די גרעבקייט פון דעם שופר, וואס אונז דארפן באמת הערן, זאל אונז אויפוועקן און דערוועקן.

### *הער זיך צו צו די ווערטער פונעם שופר!*

איז דא דער פשוט'ער זאך, אזוי ווי דאס וועקט אויף אין א מלחמה - זאלסט וויסן - ס'קומט דעם יום הדין, ראש השנה איז מען דן כל באי עולם, מ'גיט דיר יעדן טאג א דערמאנונג: ס'קומט א יום הדין! דאס איז די פשוט'ע פשט.

אבער למעשה, דער שופר רעדט נאך א דרשה. און ווען מ'וועט באמת אריינקאכן ווי מער געשמאקע דרשות אין די שופר, און מ'וועט זיך אויסלערנען די כללים וואס דער שופר רעדט, וועט דאס באמת צוברענגען צו מורא'דיגע זאכן.

דער שופר רופט אויס: די דרייסיג טעג - און למעשה, די פערציג טעג - איז די ימי רחמים: 'וועק זיך אויף, און ווייס אז דו קענסט זיך דערנענטערן צום אויבערשטן'.

כלל ישראל זענען געשטאנען אין מדבר, מ'האט געמאכט דעם חטא. און יעצט גייט מען ארויס פון חטא, און רופט מען אויס: "רבותי, נישט א טעות האבן היינט, מ'קען יעצט זיך צוריק דערוועקן". א איד, ווען ער הערט אינדערפרי שופר, דארף ער זיך צוגעוואוינען און געדענקען. דער שופר רעדט, אז וואס? די האסט היינט א געלעגנהייט זיך צו דערנענטערן צום אויבערשטן! וואס די האסט נישט חודש שבט, נישט חודש טבת, און נישט חודש סיון, ס'איז דא דא א נייע מתנה! ס'הייסט ימי רחמים והסליחות.

א איד קען אלעמאל תשובה טועהן, "כי קרוב אליך הדבר מאוד" (דברים ל, יד) תשובה קען מען אלעמאל טועהן. ווערן נאנט צום אויבערשטן קען מען אלעמאל. אבער יעצט איז די טעג מסוגל!

ממילא, געוואוין זיך צו, ווען דו הערסט סה"כ, נישט קיין גאנצע מינוט תקיעת שופר אינדערפרי. נאך די דאווענען הערסטו א מינוט צייט שופר - לייג צו קאפ, און חזר'זיך אן פון פריעער, אז דער שופר רעדט עפעס.

ביסט נישט יוצא א מצווה פון שופר, די הערסט א דרשה פון דעם שופר. דער שופר זאגט דיר עפעס!

פיין, ס'קימט א יום הדין, און נאך מער, דו האסט היינט א טאג, וואס דו קענסט די דינסטאג וואס די שטייסט יעצט - זיך דערנענטערן צום אויבערשטן, ס'איז א טאג וואס איז מסוגל צו זיך באמת דערנענטערן צום אויבערשטן. איז ניץ עם אויס!

דער אויבעשטער זאל העלפן, דעם שופר זאל אונז באמת אויפוועקן! און מ'זאל ווערן נאנט צום באשעפער.

טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'

כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"

להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות

ניתן לפנות בכתובת אימייל: a8426277@gmail.com

טל': 050-417-0448

א פרייליכע מעלדונג

די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:

ארץ ישראל - 02-5368970

ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488

הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן

ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"

שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1